בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קכ"ט

יו"ל: כ' טבת ה'תשפ"ד לפ"ק


מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האַס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #129**

# תוכן השיעור

**"כדרך שבא לראות, כך בא ליראות"**

**"ישראל צריכין שיהיה עליהם משגיח"**

**"וסמוך לְיָמִינו היה הבעש"ט ז"ל"**

**דער פינאנץ-מיניסטער ביי משיח צדקינו**

**בלויז איבערגעלאזט די 'מעשר' פאר זיך...**

**טאנץ אראפ - וועט ווערן זאלץ...**

**דריי מאל זיך געזעגנט...**

**[התקרבות אנשי טירהאוויצע לדרך רביז"ל, והדפסת "ליקוטי הלכות" בפעם הראשונה]**

**"וְסִיב וּבְלֵה בָּהֶם וּמֵהֶם לא תָזוּעַ"**

**הסגולות המובאות בספר המידות**

**פיש - א מאכל שבת**

**ר' ישראל מטירהאוויצע ז"ל**

**יעדער איד קען זיך געפינען אין תהלים**

**אויסגעוויינטע אויגן**

**ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס**

בס"ד

# פרשת תצוה

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 143#)

## "כדרך שבא לראות, כך בא ליראות"

מיר האלטן אינמיטן תורה ע"ב דעם צווייטן חלק[א]:

"אֲבָל זֶה הַמַּנְהִיג צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה פָּרוּשׁ גָּדוֹל בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה".

- דער מנהיג וואס ער האט אין זיך אזעלכע כוחות אז מיט זיין קוק גיט ער יענעם התמנות, ער מאכט שיינען יענעמ'ס מוח, אט דער מנהיג דארף זיין א 'פרוש גדול בקדושה גדולה'.

"וְאָז דַּוְקָא הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל. כִּי עַל יְדֵי פְּרִישׁוּתוֹ וּקְדֻשָּׁתוֹ הַגְּדוֹלָה, הוּא יָכוֹל לֶחֱזוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וּלְחַלֵּק הַגְּדֻלָּה לְכָל אֶחָד עַל יְדֵי הַהִסְתַּכְּלוּת לְבַד, בִּבְחִינַת: 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה' כַּנַּ"ל".

מיטן קוקן אליין קען ער יעדן איינעם געבן זיין גדולה.

---

[א] וזל"ש בקיצור להבנת הענין (מתוך ליקוטי עצות): הַמַּנְהִיג הָאֱמֶת שֶׁל הַדּוֹר צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל בֶּאֱמֶת, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה קָדוֹשׁ וּפָרוּשׁ גָּדוֹל מִתַּאֲוַת הַמִּשְׁגָּל בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה, וְאָז דַּיְקָא הוּא רָאוּי לִהְיוֹת מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל. וַאֲזַי עַל־יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ לְבַד שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, עַל־יְדֵי זֶה מֵאִיר וּמִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ וְשִׂכְלוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְעַל־יְדֵי זֶה מְחַלֵּק לָהֶם גְּדֻלָּה לְכָל אֶחָד כָּרָאוּי לוֹ לְפִי הִתְנוֹצְצוּת מֹחוֹ. וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכֶה כָּל אֶחָד לְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא כָּרָאוּי לוֹ. וְגַם נִמְשָׁךְ עַל כָּל אֶחָד קְדֻשָּׁה וּפְרִישׁוּת מִתַּאֲוָה הַנִּזְכֶּרֶת לְעֵיל, עַל־יְדֵי הַמַּנְהִיג שֶׁהוּא קָדוֹשׁ גָּדוֹל כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לְבוּשָׁה וּתְשׁוּבָה [עַיֵּן בּוּשָׁה]. וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לַעֲנָוָה אֲמִתִּית שֶׁהִיא בְּחִינַת חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא. אֲבָל כְּשֶׁאֵין לְיִשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם, מַנְהִיג כָּזֶה, אֲזַי כָּל הָעוֹלָם מְבֻלְבָּל וְכָל הָרוֹצֶה לִטֹּל אֶת הַשֵּׁם נוֹטֵל כְּמוֹ שֶׁמִּתְנַהֵג עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים.

"כִּי הִסְתַּכְּלוּת הַזֹּאת הִיא תְּלוּיָה בִּקְדֻשָּׁה וּפְרִישׁוּת גָּדוֹל. וְעַל כֵּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ שֶׁהָיָה קָדוֹשׁ וּפָרוּשׁ גָּדוֹל מְאֹד עַל פִּי הַדִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים ה): 'וְאַתָּה פֹּה עֲמֹד עִמָּדִי' עַל כֵּן הָיָה יָכוֹל לַחֲזוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל בְּיִשְׂרָאֵל, וּלְחַלֵּק לָהֶם הַגְּדֻלָּה עַל יְדֵי זֶה. וְזֶהוּ: 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה', אַתָּה דַּיְקָא" - נאר דו קענסט! "כִּי רַק מֹשֶׁה שֶׁהָיָה פָּרוּשׁ גָּדוֹל מְאֹד בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה, זוֹכֶה לְהִסְתַּכְּלוּת הַזֹּאת, כִּי הִסְתַּכְּלוּת הַזֹּאת, בְּחִינַת 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה', הִיא תְּלוּיָה רַק בִּקְדֻשָּׁה וּפְרִישׁוּת מִתַּאֲוָה זֹאת.

"וְזֶה בְּחִינַת (מלכים-א כב): 'וְהַזֹּנוֹת רָחָצוּ'".

- עס שטייט דארט ביי דער קארעטע פון אחאב'ן; אחאב איז דארט גע'הרג'ט געווארן, און זיין בלוט האט אפגעוואשן דארטן - - עס איז געווען אויסגעמאלן דארטן - -

"וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סנהדרין לט:): 'לְמָרֵק שְׁתֵּי חֶזְיוֹנוֹת'. הַיְנוּ, שֶׁכְּפִי מַה שֶּׁרוֹחֲצִין עַצְמָן מִתַּאֲוָה זֹאת, בְּחִינַת: 'וְהַזֹּנוֹת רָחָצוּ', דְּהַיְנוּ שֶׁרוֹחֲצִין עַצְמָן מִתַּאֲוָה זוֹ, כְּמוֹ כֵן הוּא מְמָרֵק וּמְצַחְצֵחַ שְׁתֵּי חֶזְיוֹנוֹת, בְּחִינַת: 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה', בְּחִינַת: 'חָזִית אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ' וְכוּ', דְּהַיְנוּ בְּחִינַת הִסְתַּכְּלוּת הַנַּ"ל".

דער רבי רופט עס אָן (התאוה), "זונות"; ווערליג מען וואשט זיך אפ פון דער דאזיגער תאוה, 'כמו כן' איז מען 'ממרק ומצחצח' די 'שתי חזיונות' - דעם 'ואתה תחזה' און דעם 'חזית איש'; "ואתה תחזה" איז דאס וואס דער צדיק קוקט אויף אים, און "חזית איש" איז דאס וואס ער קוקט אויפן צדיק; דעמאלט ווערן די צוויי חזיונות אויסגעלייטערט.

'ואתה תחזה' גייט ארויף אויפן צדיק, און 'חזית איש' איז דאס וואס דער מענטש קוקט אויפן צדיק. דער שלימות איז אז עס זאלן זיך צונויף קומען ביידע חזיונות צוזאמען - דער 'ואתה תחזה', מיט דעם 'חזית איש'; אז דער צדיק קוקט אויף יענעם, דארף יענער קוקן אויפן צדיק; דו זעסט דעם צדיק, און דער צדיק זעהט דיר.

אז איינער קומט צום צדיק און קוקט גארנישט אויפן צדיק, ווייזט אויס אז ווערט נישט אפגעטוהן דעם תיקון, ווייל עס מוז זיין די ביידע חזיונות צוזאמען, אזוי ווי דארט ביים עולה רגל זיין, "כדרך שבא לראות - כך בא ליראות"[ב].

"כִּי עִקַּר הִסְתַּכְּלוּת הַנַּ"ל הִיא עַל יְדֵי קְדֻשָּׁה וּפְרִישׁוּת מִתַּאֲוָה זוֹ כַּנַּ"ל. כִּי תַּאֲוָה הַזֹּאת הִיא בְּחִינַת פְּגַם הָעֵינַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר טו): 'וְלֹא תָתוּרוּ וְכוּ' וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם'".

טאקע 'זונים', 'והזונות רחצו'.

❖

## "ישראל צריכין שיהיה עליהם משגיח"

"וְעַל כֵּן צָרִיךְ לְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר בִּפְרִישׁוּת גָּדוֹל מִזֹּאת הַתַּאֲוָה, וְאָז יֵשׁ לוֹ עֵינַיִם זַכִּים לַחֲזוֹת וּלְהִסְתַּכֵּל וְלִתֵּן הַגְּדֻלָּה לְכָל אֶחָד כָּרָאוּי לוֹ עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ לְבַד כַּנַּ"ל, וְאָז דַּיְקָא הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁאֵין לְיִשְׂרָאֵל מַנְהִיג וּמַשְׁגִּיחַ כָּזֶה, בֶּאֱמֶת כָּל הָעוֹלָם מְעֹרָב וּמְבֻלְבָּל, וְכָל הָרוֹצֶה לִטֹּל אֶת הַשֵּׁם, נוֹטֵל, כְּמוֹ שֶׁמִּתְנַהֵג עַכְשָׁו, בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים".

אַהַ! דער רבי האט דאס געזאגט צוריק מיט הונדערט פינעף און זעכציג יאר! דער רבי מיינט דאך דא אפילו די צדיקים וואס זענען מנהיגים - דארפן זיי ווערן מנהיגים נאר דורך אט דעם מנהיג וואס ער האט זיי געזעהן און האט זיי דורך דעם געגעבן התמנות - 'שר האלף', 'שר המאה', 'שר החמישים', דורך אים האבן זיי באקומען דאס התמנות - דורך דעם קוק פון דעם אמת'ן צדיק, משה, אזוי ווי ביי משה'ן וואס די אלע שָׂרים זענען געווארן דורך דעם 'ואתה תחזה' פון משה'ן. אז איינער איז געווארן א שר נישט דורך משה'ן, טויג עס נישט.

"כִּי יִשְׂרָאֵל צְרִיכִין שֶׁיִּהְיֶה עֲלֵיהֶם מַשְׁגִּיחַ".

---

[ב] חגיגה דף ב.

דער משגיח איז איינער אויף דער גאנצער וועלט.

"שֶׁיַּשְׁגִּיחַ וְיִרְאֶה בָּהֶם שֶׁיַּעֲמֹד כָּל אֶחָד עַל מְקוֹמוֹ הָרָאוּי לוֹ בֶּאֱמֶת".

דער 'כל אחד' מיינט מען אפילו צדיקים אויך - יעדער איינער זאל זיין 'על מקומו הראוי לו באמת'.

(השואל: פארוואס זאגט דער רבי: "כשאין לישראל מנהיג ומשגיח כזה וכו' כמו שמתנהג עכשיו" וכו', דער רבי איז דאך דעמאלט געוועןן!?) ער איז געוועןן, ער איז געוועןן אבער נעלם! זענען דען די אלע מנהיגים געווארן דורכן רבי'ן?!...

דער רבי האט א זאג געגעבן דארטן צום רַב (בעל התניא)[ג]: "מען זאגט אויף אייך אז איר האט אבציג טויזנט חסידים?". דער רבי האט אנגערופן דעם רַב: 'שר האלף'. האט ער זיך פארענטפערט דארט, אז ער האט מלמדים, תלמידים (וכו', עיין הערה). קומט דאך אבער אויס, איינער וואס האט מער ווי טויזנט, טויג שוין נישט. און אזוי איז דא א שר איבער צען אויך - די 'שרי עשרות' זענען אויך געוועןן שרים.

דער רבי זאגט, עס דארף זיין אזוי ווי עס איז געוועןן בזמן משה רבינו וואס ער איז געוועןן דער משגיח אויף דער וועלט - דער מנהיג ומשגיח, וואס דערפאר איז יעדער איינער געוועןן 'על מקומו הראוי לו'.

טאקע אז קרח האט נישט געוואלט קוקן אויף משה'ן - משה האט אויף אים געקוקט אבער ער האט דאך נישט געוואלט קוקן אויף משה'ן, איז גארנישט געווארן דערפון. משה קען אויף אים קוקן נאר אז ער קוקט אויפן צדיק אויך. וואס איז געווארן פון אים?! קרח איז דאך געוועןן א בעל רוח הקודש - ער האט געזעהן א וויטן קוק אז פון אים וועט ארויסקומען שמואל הנביא מיט אזוינע (גרויסע צדיקים), דערפאר איז

---

[ג] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תקצ"ד - ה': כשהיה רבינו אצל הרב מלאדי, שאל את הרב: "ס'איז אמת וואס מען זאגט אויף אייך אז איר האט אכציג טויזנט חסידים?"; ונענה הרב והשיב לרבינו: "איך האב אסאך מלמדים, און די מלמדים האבן אסאך תלמידים, און די מלמדים ווילן די קינדער זאלן געבן צדקה, געבט יעדער תלמיד מיך א גראשן צדקה פאר ארץ ישראל; און אז ער געבט מיר א גראשן - וועט ער שוין אויף מיר נישט רעדן, הייסט ער שוין מיינער א חסיד....".

דאך געווען 'עינו הטעתו'![ד] ער האט געהאט א אויג - נאר ער האט נישט געוואלט קוקן מיט דעם אויף משה'ן... איז געווארן וואס ס'איז געווארן.

(הנ"ל: איז דאס וואס דער רבי זאגט "כשאין לישראל מנהיג ומשגיח כזה", דאס הייסט א מנהיג ומשגיח באיתגליא אז אלע זאלן קוקן אויף אים!) אוודאי.

## "וסמוך לְיָמִינוּ היה הבעש"ט ז"ל"

למשל, אין די צייטן פונעם בעל שם הקדוש, איך רעד דאך נישט פון די מתנגדים, אבער דער בעל שם הקדוש האט דאך געהאט תלמידים, צדיקים, זענען זיי טאקע אלע געווען ווערליג נאך זיין דעה (- לפי מה שהיה מְמַנֶה אותם).

עס איז דא עפעס א מכתב, איך האב געזעהן דעם מכתב, מען ווייסט נישט וואס דער מכתב איז, דער בעל שם הקדוש שרייבט צום מגיד אזוי: "איך האב געהערט אז דו ווילסט זיך נעמען א נייעם וועג, זאג איך דיר, דו זאלסט עס נישט טוהן, איך בין דאך פארט דיין רבי!" - אזוי שרייבט ער אים. איך האב זיך נאכגעפרעגט דעמאלט, האבן זיי געזאגט - 'יא, מען ווייסט דערפון, עס איז א דבר הידוע, דער מגיד האט זיך געוואלט נעמען א נייעם וועג!'.

אז דער בעל שם הקדוש האט געהייסן - נישט, האט ער דאס נישט געטוהן! עס איז עפעס א קליינקייט - דער מגיד?!.

(אחד הנוכחים: עס מוז דאך נישט זיין אז ער האט געוואלט נעמען א נייעם וועג פאר זיך אליין, נאר א וועג ווי אזוי צו פירן אנדערע!) דאס קען זיין - עס קען זיין.

עס איז דא א בריוו וואס דער בעל שם הקדוש שרייבט צום תולדות, ער רופט אים אָן דארטן 'שר התורה' - געוואלדיגע שבחים שרייבט ער אים[ה]. ער האט געהאט

---

[ד] עיין רש"י פר' קרח טז, ז.

[ה] מובא בשבחי בעש"ט, וזל"ש: ויש תחת ידי אגרת ששלח הבעש"ט להרב, וזה לשון ההעתק שנכתב בעבר האגרת: "מק' מעזיבוז לק' נעמרוב רבתא, הני מילי בכתבא רצוא ושוב כמראה הבזק מראה הכהן אב"ד דק"ק הנ' מעוז ומגדל הרב המופלא עושה פלא החכם הכולל מ' יוסף הכהן אב"ד דק"ק הנ"ל". זה לשון האיגרת: "ליד אהובי א"נ הרב המאור הגדול, פטיש החזק, עמוד הימיני, המפורסם

**געשריבן א בריוו צום בעל שם, שרייבט אים דער בעל שם: "פון דיין בריוו איז מוכח אז דו האסט ביי דיר מחליט געווען זיך צו נעמען צו תעניתים וסיגופים; זאג איך דיר, גיי אוועק פון דעם וועג, דו זאלסט עס נישט טוהן, דו זאלסט זיך מְדַבֵק זיין צו די אותיות התורה, דעמאלט וועט דיר אזוי לייכטן דער 'אור התורה', מער דארפסטו נישט!".**

**'דו זאלסט אוועקגיין פון דער וועג - נעם נישט קיין וועג פון תעניתים וסיגופים'.**

**זיי האבן דאך געפאלגט דעם בעל שם הקדוש. ווייטער, די חברייא פון דעם מעזריטשער מגיד האבן אים אויך געפאלגט, איז דאך געווען אלץ דורך אים. נאכדעם האט זיך געגעבן א רוק, א רוק...**

> **זאגט דער רבי: "וְהַמַּשְׁגִּיחַ הַזֶּה יִהְיֶה פָּרוּשׁ וְקָדוֹשׁ גָּדוֹל, בִּבְחִינַת קְדֻשַּׁת וּפְרִישׁוּת מֹשֶׁה, וְאָז יָכוֹל לְהַנְהִיג אֶת יִשְׂרָאֵל לִתֵּן לְכָל אֶחָד גְּדֻלָּה כָּרָאוּי לוֹ עַל יְדֵי הַהִסְתַּכְּלוּת לְבַד כַּנַּ"ל".**

**דער רבי האט געזאגט[ו]: "וסמוך לְיָמֵינוּ איז געווען דער בעל שם טוב!" - ער איז געווען דער מנהיג.**

**"וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הִיא עַל יְדֵי הַכּוּשָׁה, וְעַל יְדֵי זֶה הַמַּנְהִיג בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁהוּא מִסְתַּכֵּל בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד, וּמִתְנוֹצֵץ מֵחוֹ, וְזוֹכֶה**

---

בחסידות, החכם השלם המופלא עושה פלא, הנצמד בקירות לבי דבוק מאח לי, כבוד מוה"ר יוסף הכהן נ"י. הנה גלילות ידו קדושה קבלתי וראיתי ראיה אחת בשתי שורות העליונות ושם נאמר שרום מעלתו אומר כאילו מוכרח להתענות ותרגז בטני מקול הקורא. והנני מוסיף בגזירות עירין ובצירוף קוב"ה ושכינתיה לבל יכנס עצמו ח"ו בזה, כי זה מעשה מרה שחורה ועצבות ואין השכינה שורה לא מתוך עצבות רק מתוך שמחה של מצוה כאשר ידוע לרום מעלתו דברים שלמדתי כמה פעמים והיו הדברים האלה על לבבו. ועל דבר סעיפי מחשבותיו המביאים אותו לזה איעצך ויהי אלקים עמך גיבור החיל, בכל בוקר ובוקר בעת לימודו ידבק עצמו באותיות בדביקות גמור לעבודת בוראו ב"ה וב"ש ואז ימתיקו הדינים בשורשן ויקיל מעליו הדינין. ומבשרך אל תתעלם ח"ו להתענות יותר מהחיוב ומהצורך ואם שמע תשמע לקולי ויהיה אלהים עמך ובזה אקצר ואומר שלום מנאי הדוש"ת נאום ישראל בעש"ט".

[ו] עיין חיי מוהר"ן אות תקנ"ג: וּכְשֶׁאָמַר (בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן ע"ב) מֵעִנְיַן הַמַּנְהִיג שֶׁצָּרִיךְ אִישׁ שֶׁיִּהְיֶה קָדוֹשׁ וּפָרוּשׁ גָּדוֹל בִּבְחִינַת קְדֻשַּׁת וּפְרִישׁוּת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אָמַר אָז: **וְסָמוּךְ לְיָמֵינוּ הָיָה הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** וְכוּ'.

**לְבֵאוּרֵי הַתּוֹרָה, דְּהַיְנוּ לְחִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא, עַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ בּוּשָׁה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְאָז רוֹאֶה כָּל אֶחָד אֶת בָּשְׁתּוֹ וּכְלִמָּתוֹ".**

**דאס מיינט אויך דער רבי אלעמען! אלעמען! פארוואס נעמט זיך יעדער א מנהיגות וואס האט נישט שייכות צו אים? ווייל ער האט נישט אין זיך די בושה וואס ער דארף האבן - ער זאל ארויסזעהן 'בשתו וכלימתו', ממילא נעמט ער זיך א זאך וואס איז נישט שייך צו אים.**

> **זאגט דער רבי: "כִּי עֲבֵרָה הִיא בְּוַדַּאי בּוּשָׁה גְּדוֹלָה, כִּי עֲבֵרָה אֵינָהּ רְאוּיָה כְּלָל לְיִשְׂרָאֵל, וּבְוַדַּאי אֵין נָאֶה כְּלָל לְיִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עֲבֵרָה, חַס וְשָׁלוֹם"** (וכו' וכו' עיין שם המשך התורה).

❖

## דער פינאנץ-מיניסטער ביי משיח צדקינו

**אויף ר' נחמן'ס** (טולטשינער) **מציבה שטייט: "פה נטמן איש תם ר' נחמן ב"ר אברהם הלוי". ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: "מען וואלט ווען נישט געדארפט שרייבן 'איש תם'; ביי אונז פירט מען זיך אז מען שרייבט נאר דעם נאמען אליין, מער - נישט!** (און ער האט אויסגעפירט:) **נו, דער טאטע איז געווען אַן איש תם!". דאס הייסט, אבער פונדעסטוועגן וואלט מען דאס נישט געדארפט שרייבן.**

**ר' נחמן טולטשינער איז געווען אמאל אין טעפליק. ר' מרדכי'לע דיין[ז] האט געהאט א זון, ער האט געהייסן - ר' אברהם צפורה'ס, ער איז געווען א גרויסער עושר און א גרויסער למדן, עפעס א געוואלדיגער גאון איז ער געווען, ער איז געווען א בחינה פון ר' אלעזר בן חרסום, ער איז געווען א גרויסער גביר און קיינמאל נישט געהאט קיין שייכות מיט די געשעפטן, ער איז געזעצן טאג און נאכט** (בעבודת ה') **- און די געשעפטן האבן זיך געפירט און ער האט שטארק מצליח געווען. ער איז**

---

[ז] מאנשי עבודת ה' שבתלמידי רביז"ל. נתמנה לאב"ד דטעפליק בשנת תק"ע כשרביז"ל עבר שם בדרכו מברסלב לאומאן (עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, אות מ"ח).

געוועזן אזא מין מתמיד אז ער האט נישט גערעדט מיט קיין קינד, מיט די בני בית אודאי נישט, נאר תמיד יום ולילה געדאווענט און געלערנט, געדאווענט - געשמאק געדאווענט.

אבער אז ר' נחמן טולטשינער איז געקומען אין טעפליק, האט ער מיט אים אפגערעדט עטליכע שעה. (אמרו לו בניו:) "מיט אונז ווילסטו נישט רעדן קיין ווארט, און מיט דעם אלטן איד רעדסטו אזוי אפ?". זאגט ער: "דער איד - אז עס וועט זיין א אידישע מלוכה - עס וועט זיין משיח צדקינו, וועט ער זיין 'מיניסטער-פינאנץ' - ער איז א געוואלדיגער חכם!". 'מיניסטער-פינאנץ', הייסט, א מיניסטער פון געלט זאכן (- שר האוצר).

ר' מרדכי'לע דיין האט געהאט א שוואגער, ער האט געהייסן ר' דוד פּאָליער. עס איז דא א דארף לעבן טעפליק - פּאָלי. דארטן איז געוועזן א גרויסע (פאבריק) פון בראנפן פון דעם ר' דוד - עס איז געוועזן זיין (פאבריק). ער איז געוועזן א גרויסער עושר און א גרויסער גאון - א וועלטס גאון איז ער געוועזן דער ר' דוד פאליער.

דער ר' דוד האט 'לא עלינו' קיין קינדער נישט געהאט, און ער איז געוועזן ר' מרדכי דיין'ס א שוואגער. האט ער געזאגט צו ר' מרדכי'לען: "גיב מיר אוועק דיין אברהמ'ען - איך וועל מיט אים לערנען, וועט דאס גאנצע פארמעג אריינפאלן צו אים!". אזוי איז טאקע געווען, ער האט אים גענומען צו זיך, ער האט מיט אים געלערנט, איז ער אויסגעוואקסן א גרויסער גאון - דער ר' אברהם, און ער איז געווארן א גרויסער גביר.

דער ר' דוד פּאָליער ליגט אין טבריא, ער איז אוועק אין ארץ ישראל. (השואל: ער איז געוועזן פון אונזערע לייט?) ער איז איינמאל געוועזן ביים רבי'ן[ח].

אין טבריא איז ער געוועזן א דיין אָן געלט - דער ר' אברהם פלעגט אים שיקן שיין אויף צו לעבן - עס איז דאך געוועזן זיינס (- מנכסיו שהוריש אותו). ער איז געוועזן דארטן אין טבריא א גרויסער בעל צדקה.

---

[ח] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אותיות תרי"ד, תרע"ח; טעם זקנים קונטרס צ"א.

(השואל: וואס הייסט ציפורה'ס?) מען האט אים גערופן אויף דער מוטער'ס נאמען. (ר' משה בינענשטאק: ר' מרדכי דיין'ס פרוי האט געהייסן ציפורה?) אזוי ווייזט אוים. איך בין געווען אין טעפליק - זיינע קינדער האב איך געקענט[ט], זיין זון האב איך געקענט.

האט דער ר' אברהם געזאגט אויף ר' נחמן טולטשינער: "אז עס וועט זיין א אידישע מלוכה, וועט ער זיין דער פינאנץ-מיניסטער - ער איז א חכם א געוואלדיגער!".

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט אויך רעדן אז זיין טאטע איז געווען א געוואלדיגער חכם; אזוי ווי ער איז געווען אין צִדקות, אזוי איז ער געווען א געוואלדיגער חכם.

(ר' משה: ר' נתן האט דאך אים געוואונטשן: "ינוח ראשך על מקומך") יא, רבי נתן האט אים געגעבן א ברכה: "ינוח ראשך על מקומך". עס איז געווען, רבי נתן איז אמאל געפארן אין וועג, האט ער געכאפט א דרימל, איז אים אראפגעפאלן דאס היטל. האט ר' נחמן טולטשינער געזעהן - אז ער וועט אריינקומען אין שטאט אָן קיין היטל וועט דאך זיין א בזיון, האט ער געהייסן אפשטעלן דארטן דעם פיר, ער איז געפארן און געפארן ביז ער האט געפונען דאס היטל.

האט אים רבי נתן דעמאלט געגעבן א ברכה: "ינוח ראשך על מקומך!".

ר' אברהם האט געזאגט: "דער טאטע האט געהאט אזא ישוב הדעת - ער האט געהאט א ברכה פון רבי נתן'ען 'ינוח ראשך'!".

❖

## בלויז איבערגעלאזט די 'מעשר' פאר זיך...

ר' סענדר (טירהאוויצער) איז געווען ר' סענדר, ער האט דאך אויסגעבויעט דער אנדערער שול[י], איז ער ארומגעגאנגען ערב ראש השנה מאָנען געלט. איז ער

---

[ט] ר' אייזיק קראסינשטיין מאנ"ש באומן היה חתנו.

[י] שיפץ והקים מחָדש את הקלויז הישן של מוהרנ"ת.

צוגעגאנגען צו ר' אברהם בער'ניו[יא] - דעם רבי'נס איניקל, זאגט ער אים: "גיט געלט אויף אייער זיידנ'ס א בית מדרש!". דאס איז געווען אמאליגע יארן, תרכ"ה, מער ווי הונדערט יאר צוריק. גיט ער אים א פופציג - - אבער ר' סענדר נעמט דאס נישט - ער שטייט און גייט נישט אוועק, ביז ר' אברהם בער'ניו האט אים געגעבן טויזנט רובל אויף דער שול! האט ער אים א קוש געטוהן דער האנט (און געזאגט:) "געבענטשט זאל זיין דער האנט וואס גיט אויף דעם רבי'נס זאך טויזנט רובל!".

דערנאך איז ר' סענדר צוגעגאנגען צו ר' אברהם ציפורה'ס. דער ר' אברהם ציפורה'ס פלעגט דאך קומען אויף ראש השנה, ער איז אבער געווען א קארגער - אזא מין נאטור, אבער אז ר' סענדר האט אנגעהויבן רעדן איז דאך געווען א געוואלד, האט ער געגעבן געלט! (- סכום נכבד שלא כמנהגו) - איך ווייס נישט וויפיל. איבער א יאר (כשביקש ר' סענדר לגשת אליו שנית להתרימו) איז ער אנטלאפן - "ר' סענדר - רעדט נישט מיט מיר, רעדט נישט מיט מיר!" - ער האט מורא געהאט אז ער וועט נאר אנהויבן רעדן מיט אים (וועט ער מוזן געבן...) 'אה, ר' סענדר, ר' סענדר!'.

מיר האבן געהאט א חסיד אין טאלנע, איינער א גרויסער ארעמאן, ער פלעגט פארן דארטן אויפן יריד מיט א פעסל הערינג, עס איז געווען יענע פרנסה... ווינטער, אין די רוסישע פרעסטן, שטיין מיט א פעסל הערינג, עס איז קאלט. האט ער דאך געדארפט האבן א גוטן פעלץ, א גוטן פוטער. האט ער נישט געהאט. איז ער אריינגעפארן קיין טירהאוויצע, האט ער געבעטן ר' סענדר'ן, ('היות ער האט) אזא מלאכה - און ער האט נישט קיין פוטער'. האט ר' סענדר צונויף געקליבן זיינע חברה, און ער האט אנגעהויבן רעדן, און מען איז ארויסגעגאנגען אין א ריקוד - ביים ריקוד איז געווארן א פוטער... האט ר' סענדר זיך אנגערופן: "אז איין האָר פון דעם פוטער זאל אויף אונז מגין זיין בעלמא דאתי - איז שוין גענוג!". א פוטער האט דאך אין זיך אסאך האָר - מיליאנען האָר.

זיינע צדקות דארטן איז געווען געוואלדיג; ער האט געהאט א שאנק פול מיט קליידער, מענערישע און פרויענישע, און שיך; אז מען איז נאר אריינגעקומען צו

---

[יא] בנה של מרת אדל בת רביז"ל.

אים, האט מען יענעם מלביש געווען פון קאפ ביז פיס! דאס איז געווען א חוץ וואס מען האט גענעבן אסאך צדקה - מען האט יענעם געגעבן געלט! אזוינס וואס איז דארטן געווען איז נישט געווען אין ערגעץ, אזוינס האט מען נישט געזעהן.

ר' סענדר אליין פלעגט עסן בייטאג א מיטאג - 'קוואס מיט ברויט'. קוואס איז אזא מין באָרשט. ברויט איינגעטונקען אין קוואס - דאס איז געווען זיין עסן. און צדקה האט מען געגעבן.

(ר' משה: ער איז געווען א בעל פרנסה - ר' סענדר?) **יא יא.**

(ר' משה: נאכדעם וואס ער איז געווארן א ברסלב'ער איז ער אראפ פון דעם פארמעגן?) **ניין, פארקערט, ער האט נאך מער מצליח געווען, זיי** (- ר' סענדר והחבריא שלו) **האבן שטארק מצליח געווען, זיי האבן אזעלכע צדקות געגעבן אז עס איז געווען געוואלדיג!**

ר' אברהם (שטערנהארץ, ב"ר נפתלי הערץ ב"ר שכנא בן מוהרנ"ת) האט דערציילט אמאל, זיין טאטע האט אמאל באקומען אויף פסח "דריי און צוואנציג רובל" פון ר' סענדר'ן - צוריק מיט הונדערט יאר! - איך וויים אליין נישט וויפיל עס איז אין היינטיגע געלט... און אזוי האט ער אויך צוגעשיקט צו ר' נחמן'ען און צו ר' יוסף יונה'ן (בני מוהרנ"ת), און אויך פאר זייערע קינדער! - געוואלדיגע צדקות האבן זיי אוועקגעגעבן.

זיי האבן פאר 'זיך' געלאזט די מעשר... עס איז געווען עבודת ה' - עבודות!

## טאנץ אראפ - וועט ווערן זאלץ...

ווען ר' סענדר איז געווארן ר' סענדר, איז ער שוין געגאנגען פרייטאג בייטאג עטליכע שעה פאר שבת מיט די בגדי שבת אין שול אריין און אראפגעלייגט א 'שיר השירים' מיט א 'הודו'! די סוחרים האבן געזאגט: "געוואלד, וואס איז געווארן פון סענדר'ל? ער איז דאך געווען אונזער'ס א חבר?!" - ער איז דאך געווען א סוחר, און פרייטאג בייטאג לייזט מען אסאך אין די קלייטן דארטן, און דא גייט ער שוין דאווענען...

א הארץ! א ברענער![יב]

ר' שמואל פיקסל איז געווען דער גביר דארטן, איינמאל האט ר' סענדר גענומען ביי אים א גרויסן סכום געלט (לצדקה), האט ער געזאגט: "אין דעם דריטן טאג דארף מען אריינגיין צו ר' שמואל'ן - עס וועט זיין 'שלישי למילה'!"...

איידער ער איז געווארן א ברסלב'ער חסיד איז ער געווען א געוואלדיגער לץ. ער האט געהאט א קלייט פון שניט קראם, פון סחורות. איינמאל איז אריינגעקומען דארטן א גוי (און פרעגט אים:) אויב ער האט צו פארקויפן זאלץ... (ענה לו:) "שטעל זיך אוועק אויפן טיש און טאנץ אראפ - וועט ווערן אונטן זאלץ!"... - ער איז געווען א ווערטל זאגער. אבער ווען ער איז געווארן א ברסלב'ער חסיד - אוי אוי אוי!

## דריי מאל זיך געזעגנט...

ר' סענדר איז געווארן א ברסלב'ער חסיד אום שנת תרי"ד. ר' נחמן (טולטשינער) איז דעמאלט געקומען קיין אומאן, האט אים רבי נפתלי געזאגט: "אין טירהאוויצע

---

[יב] עיין מה שכתב אודותיו הרה"ח ר' שמואל הורוויץ ז"ל: "הר' סענדיר מטירהאוויצע ז"ל היה מגדולי אנ"ש ועוצם יראתו ועבודתו א"א לשער במוח והוא יסד החברה טרווצער שהיו העובדים מאנ"ש ממש שיצאו מגדר אנושי וא"א להעריך ולספר כלל עוצם התפשטותם מגשמיות ומס"נ בעבודתם והיו יוצאים בתחלת הקיץ ליערות ושדות ועוסקים יומם ולילה בהתבודדות **והיו מזמרים אז בעת צאתם בניגון הידוע "עבר קציר כלה קיץ ועדיין לא נושענו"** וכו'. הכלל, שענין עבודתם והתלהבותם א"א לשער. והר' סענדיר הראש שלהם הי' קודם איש פשוט. ופ"א בעת שהיה בחור זרק וכו' ואח"כ כשנתקרב לחסידות רבינו ז"ל ונתלהב מאד לעבוה"ש והי' יומם ולילה ביערות והרים ושדות בהתבודדות ותפילות בלי הפסק שמונה עשר שעות בנגינות השוברות הלב **שמי ששמע ממנו אפי' הרשע היותר גדול נעשה בעל תשובה**. וכשהי' צועק על ציון הק' באומאן היו שומעים מקצה העיר ועד קצהו. ופ"א נסעו הרב מטשעהרין ועוד הגדולים מאנ"ש והי' נסיעתם דרך היערות שבטרווצע ושמעו קול והלכו אחרי הקול והלכו סמוך להקול עד שהרגישו ממש התפשטות הגשמיות ממתיקות הקול וראו שהר' סנדר עוד ביערות וצועק **"שנאתי השומרים הבלי שוא ואני אל ה' בטחתי"** ואמר לעצמו בזה הלשון: **"זאג סענדיר - 'שנאתי השומרים הבלי שוא' - אבער 'ואני אל ה' בטחתי'"**, וכן הפסוק **"סעפים שנאתי ותורתך אהבתי"** וכן **"אם זכרתיך על יצועי"** וכו' בניגונים המופלאים הידועים לנו בשם ניגוני אנשי טרווצי וכששמעו זאת ממש יצא לבם בקרבם. ואמר הרב מטשעהרין לשאר אנשים שנסעו עמו: כנראה שאנחנו מוכרחים כבר להתבייש ממנו **"עס האט א פנים אז מיר מייגען זיך שוין שיימען פאר איהם"**. והכלל כי א"א לשער בכתב מהותם ועבודתם. **והר' אברהם ז"ל הי' נוסע על שבתות לר' סענדיר לראות עבודתו ולקבל ממנו!"**.

האט זיך אנגעהויבן דוויגן דעם רבי'נס זאך - פּאָר דארט צו!". 'דוויגן' הייסט 'הויבן זיך'.

איז ר' נחמן צוגעפארן, האט ער געטראפן דארט עטליכע מענטשן. נו, האט ר' נחמן געעפנט זיין הייליג מויל - ער איז אפגעווען דארט אכט טעג - און ער האט גערעדט. עס איז געקומען זונטאג, האט מען גערונגען א פירל ער זאל צוריק פארן קיין אומאן. האט מען זיך געזעגנט. האט מען זיך אזוי געזעגנט אז מען האט געהייסן דאס פירל אוועקפארן און ער איז געבליבן אויף נאך אכט טעג!

דעם צווייטן זונטאג, דאס הייסט, דעם צווייטן וואך, האט מען ווידער גערונגען א פירל, און מען האט זיך ווידער אזוי געזעגנט אז ער איז געבליבן אויף א דריטע וואך... אזוי האט מען זיך דריי מאל געזעגנט!

נאכדעם ווען ער האט שוין געהאלטן ביים אוועקפארן, האבן זיי אים געפרעגט: "ר' נחמן, פון וואנעט נעמט איר די אלע דיבורים?". ר' נחמן איז געווען א קוואל! ער האט געקענט אפרעדן חדשים'ווייז און האלטן און איין רעדן - א קוואל, א קוואל! גאנץ ליקוטי הלכות האט ער געקענט! האט ער געזאגט: "פון רבי נתן'ען; די אלע כתבים ליגן אויבן אויפן בוידעם, זיי שימלען שוין באלד, זיי גייען צוגרונד, מען דארף זיי דרוקן און עס איז נישטא קיין געלט!". האט ר' סענדר ארויסגענומען הונדערט רובל און אים דאס געגעבן (און געזאגט:) "דאס גיבן מיר אייך איצטער; אז איר וועט אנהויבן דרוקן, וועלן מיר געבן דעם אנדערן הונדערטער; אז איר וועט ענדיגן, וועט איר באקומען דעם דריטן הונדערטער. האט איר ביי אונז 'דריי הונדערט רובל'!".

(ר' משה: דעמאלט האט מען נאך גארנישט געהאט געדרוקט?) מען האט געהאט געדרוקט נאר דעם "אורח חיים" (חלק א') - אבער מיט א קטנות, קליין, גרינע בלעטער; די אלע אנדערע (כרכים) זענען גארנישט געווען געדרוקט.

איז ר' נחמן אוועקגעפארן קיין טשעהרין און געמאכט א געוואלד: "געוואלד! נייע מענטשן גיבן אזא סכום געלט!". האבן זיי זיך שוין געשעמט (ונעשתה גם שם בין הנגידים התעוררות גדולה לזה).

האט ר׳ נחמן אנגעהויבן דרוקן - ער האט אפגעדרוקט פון תרי״ד ביז תרי״ח אלע ליקוטי הלכות׳ער - אין פיר יאר! אלץ איז געווען א דאנק ר׳ סענדר - ער איז געווען א געוואלד!

ר׳ סענדר האט אויסגעבויעט דעם אנדערן קלויז; רבי נתן האט געבויעט מיט אַן ארעמקייט - אבער ער האט געבויעט א קלויז! (- בפאר ובהדר).

❖

## "וְסִיב וּבְלֵה בָּהֶם וּמֵהֶם לֹא תָזוּעַ"

"וְזֶה שֶׁכָּתוּב: 'סֶלַע יִשְׁכֹּן וְיִתְלֹנָן' (איוב לט). סֶלַע זֶה הַבְּאֵר, בְּחִינַת בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה, בְּחִינַת: 'בְּאֵר חֲפָרוּהָ שָׂרִים' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: 'מִשָּׁם חָפַר אֹכֶל' בְּחִינַת בּוּשָׁה כַּנַּ"ל. כִּי עַל יְדֵי בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְבוּשָׁה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: 'מִשָּׁם חָפַר אֹכֶל', כִּי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ לְהוֹשִׁיט הָאֹכֶל לְפִיו עַל יְדֵי הַבּוּשָׁה שֶׁבָּאָה אֵלָיו כַּנַּ"ל".

אונזערע לייט פלעגן טייטשן דא: "סלע ישכון ויתלונן" - מען זאל ליגן און נעכטיגן אין די ביאורי התורה! דער רבי טייטשט נאר סתם, 'סלע'. אבער (אנ"ש ביארו) דעם 'ישכון ויתלונן' - מען זאל דארט רוען און נעכטיגן - ליגן דארטן אין די ביאורי התורה, דעמאלט איז 'משם חפר אוכל', וועט ער זוכה זיין צו בושה, אז אפילו עסן וועט ער זיך שעמען.

רבי נתן שרייבט אין א מכתב[יג]: "וְסִיב וּבְלֵה בַהּ, וּמִנַּהּ לָא תְזוּעַ!" - ליג דארטן! גיי נישט אוועק פון די ספרים, פון די ביאורי התורה, דעמאלט וועסטו זוכה זיין זיך שעמען אפילו צו עסן.

---

[יג] עיין לתרופה בכמה מקומות, והרי לפניך מלשונו מה שכתב במכתב מיום ג׳ יתרו שנת תר"ב: תְּהִלָּה לָאֵל כְּבָר יֵשׁ בְּיֶדְכֶם כָּל הַסִּפְרֵי קֹדֶשׁ מֵאֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וּמְעַט מִמַּה שֶּׁבֵּאַרְתִּי בָּהֶם בְּחַסְדּוֹ יִתְבָּרַךְ. וְגַם הַתְּפִלּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת וְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת **הֲפֹךְ בָּהֶם וַהֲפֹךְ בָּהֶם וְסִיב וּבְלֵה בָּהֶם וּמֵהֶם לֹא תָזוּעַ שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה מֵהֶם**. כִּי אֵין שׁוּם דְּבַר עֵצָה בַּעֲבוֹדַת ה׳ נִמְנָע מִכֶּם שֶׁלֹּא תּוּכְלוּ לִמְצֹא בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, כִּי הֵם כֻּלָּם מְלֵאִים עֵצוֹת לְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם בְּכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא בְּכָל מִינֵי עֲלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם. וּבְכָל מִינֵי יְרִידוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וּכְבָר דִּבַּרְנוּ הַרְבֵּה בָּזֶה.

"וְזֶהוּ: 'לְמֵרָחוֹק עֵינָיו יַבִּיטוּ', הַיְנוּ שֶׁרוֹאֶה וּמַבִּיט אֵיךְ הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל" (וכו' וכו' עיין שם המשך התורה).

זיינע אויגן זעהען - ער קוקט ווי אזוי ער איז ווייט פון ה' יתברך.

❖ ❖ ❖

## הסגולות המובאות בספר המידות

(אחד הנוכחים שואל על מה שמוהרנ"ת לא אבה להשתמש בסגולות, אפילו בסגולות המובאות בספר המידות) אז עס שטייט אז צו היטן די אויגן זאל מען זאגן דעם פסוק[יד] - האט דען רבי נתן עס נישט געוואלט אננעמען? און אז דער רבי רעדט דארטן וועגן אויפהויבן דעם 'סכין של מילה' אז דאס איז א סגולה דארטן[טו] - האט מען דען נישט גענוצט דערמיט?! איך געדענק נאך אפילו, דער מוהל האט געגעבן א הויב אויף דעם מעסער - און מען האט שוין געקוקט דארטן!

איך האב געהערט אז נאר סגולות פון רפואה האט ער נישט געוואלט נוצן.

(השואל: עס איז דא א סגולה וואס דער רבי זאגט וועגן קאכן וויין -) מיט 'פָּאלִין'. 'פאלין' איז אזא מין גראז ביטער ווי גאַל. שטייט פונעם רבי'ן, מען זאל אויפקאכן וויין און אריינטוהן אין דעם 'פאלין' און דאס אויסטרינקען. (ר' משה: אלע האבן געקענט דעם גראז דארטן?) יא, מען האט געוואוסט - 'פאלין' - א ביטער גראז דארטן; אז מען טוהט דאס אריין אין וויין - גייט אראפ די קדחת, עס גייט גלייך אוועק.

ר' אפרים בן רבי נפתלי פלעגט קומען צו פארן (מארץ ישראל לאומן על ראש השנה), האט ער אויפן וועג באקומען דאס קדחת, איז ער אריינגעגאנגען צו ר' נחמן קראסינשטיין - ער איז געווען א איד א גביר, האט ער אים אויפגעקאכט א סאמאוואר (- קעסל) מיט א גוטן וויין, און ער האט אריינגעטוהן די 'פאלין', האט ער

---

[יד] עיין ספר המידות - ערך 'ראיה' אות ט': כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא, שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל-יְדֵי הָרְאִיָּה, שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל-יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת.

[טו] שם - ערך 'מוהל' אות ב': אִשָּׁה שֶׁאֵינָהּ יְכוֹלָה לְהִתְעַבֵּר, תַּבִּיט עַל הַסַּכִּין שֶׁל מִילָה אַחַר הַמִּילָה.

געטרונקען עטליכע גלעזער, און גלייך אויפן פלאץ איז ער געווארן איבערגענומען (- חזר לאיתנו).

(הנוכחים משוחחים ביניהם אודות כמה מיני סגולות המובאות בספר המידות. ענה רלוי"צ ואמר:) אויפשטיין חצות איז א סגולה מען זאל נישט ווערן בא'גנב'עט...[טז]

❖

## פיש - א מאכל שבת

איך ווייס אז נאשקע[יז] עליו השלום פלעגט פרייטאג קיינמאל נישט ווען עסן קיין פיש, נאר אז עס איז געווען פרייטאג ראש חודש דעמאלט האט ער געגעסן פיש; אזוי סתם - נישט. ער איז געווען מיינער א אורח, ער האט אלץ נאכגעטוהן וואס ער האט געזעהן פון ר' מיכל'ען (דודו, אחי זקינו ר' דוד צבי). פרייטאג האט ער נישט געגעסן קיין פיש, ווייל פיש איז א מאכל שבת![יח]

❖

## ר' ישראל מטירהאוויצע ז"ל

(ר' יוחנן גאלאנט: ר' ישראל איז געווען א טירהאוויצער!) ר' ישראל[יט] איז געווען א טירהאוויצער - ער איז געווארן אַן אומאנער, ער איז געווען א בעל מופת, ער איז געווען נישט קיין סתם מענטש - דער ר' ישראל טירהאוויצער.

(ר' נחמן בורשטיין: מען ווייסט וואספארא מופתים?) ער פרעגט שוין וואספארא מופתים...

---

[טז] שם - ערך 'גניבה וגזילה' חלק שני, אות ה': עַל-יְדֵי אֲמִירַת תִּקּוּן חֲצוֹת נִצּוֹל מִגַּנָּבִים.

[יז] ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת זצ"ל.

[יח] עיין ליקוטי הלכות הל' בשר שנתעלם מן העין ה"ב, אות ז': וְעַל כֵּן הַדָּגִים הֵם מַאֲכָלִים שֶׁל שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, כִּי שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב הוּא בְּחִינַת עָלְמָא דְאָתֵי כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן **רַק בָּהֶם רָאוּי לֶאֱכֹל דָּגִים** שֶׁהֵם בְּחִינַת עָלְמָא דְאָתֵי כַּנַּ"ל, וכו'.

[יט] בנו של ר' חיים סטאָלער. בנערותו היה בן בית אצל ר' נפתלי תלמיד רביז"ל. נסתלק כ"ח חשון תרפ"ג. מנוחתו כבוד באומן, ליד קברי ר' אברהם ב"ר נחמן. עיין אודותיו בטעם זקנים קונטרסים צ"א, ק"ב.

(ר' יוחנן: זי פלעגט מיטגיין מיט אים מיט זיינע עבודות!) יא! ער איז געווען אַן אײדעם ביי ר' נתן לייבעלע ראובן'ס - זי (זוגתו, מרת פיגא מרים) איז געווען א טאכטער, ער ווערט געברענגט אין זיינע בריוון (- במכתבי ר' נתן בר"י) - "חתני ר' ישראל". זיי פלעגן ביידע אויפשטיין חצות! ער האט געוואוינט א שטיק צייט אין דעם צימער דארטן לעבן דער מקוה, פלעגן זיי ביידע אויפשטיין חצות, האט ער איר געזאגט: " דערמאן דעם נאמען!" (- האב אינזינען דעם און דעם), און זי האט אים געזאגט: "דערמאן דעם נאמען!" - א צדיק מיט א צדיקת!

(השואל: זיי האבן געהאט קינדער?) יא, ער האט געהאט א זון - נחמן.

❖ ❖ ❖

## יעדער איד קען זיך געפינען אין תהלים

[שיעור ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ג:]

["מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה. כִּי יֵשׁ נוּן שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, ומ"ט שְׁעָרִים יָכוֹל כָּל אָדָם לִכְנֹס בָּהֶם וּלְהַשִּׂיגָם, אַךְ שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים הוּא בְּחִינַת הַתְּשׁוּבָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, כִּבְיָכוֹל, כִּי גַּם אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ מָצִינוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מלאכי ג): 'שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם'.

"וְאֵלּוּ הַמ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה הֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בִּשְׁמוֹת שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יָ-הּ, כִּי כָל שַׁעַר וָשַׁעַר יֵשׁ לוֹ אוֹת מִמ"ט אוֹתִיּוֹת הַשְּׁבָטִים, וְהִנֵּה הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ; וַאֲפִלּוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה. וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר].

"נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה".

זאגט דער רבי, דורך תהלים איז ער זוכה צו טוהן תשובה.

"וְזֶה בְּחִינַת (שמואל-ב כג): 'נְאֻם הַגֶּבֶר הוּקַם עָל', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מועד קטן טז:): 'שֶׁהֵקִים עֻלָּהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה'. 'וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל', כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דְּהַיְנוּ סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁיָּסַד, עַל יְדֵי זֶה הוּקַם עֻלָּהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, כִּי עַל יְדֵי תְּהִלִּים זוֹכִין לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל".

חז"ל זאגן: "נְאֻם הַגֶּבֶר הוּקַם עָל" - 'שהקים עולה של תשובה'. "וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל". זאגט דער רבי, דאס איז איין זאך; ווייל דורך 'נעים זמירות ישראל', וואס דאס איז דאך דער ספר תהלים וואס דוד המלך האט מייסד געווען, דורך דעם 'הקים עולה של תשובה'. 'הוקם עול' - 'עולה של תשובה' - דורך וואס? דורך 'נעים זמירות ישראל' - דורכן תהלים; ווארום דורך תהלים איז מען זוכה צו תשובה.

"וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עבודה זרה ד:): 'לֹא הָיָה דָּוִד רָאוּי לְאוֹתוֹ מַעֲשֶׂה, אֶלָּא כְּדֵי לְהוֹרוֹת תְּשׁוּבָה לְיָחִיד' וְכוּ'. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הוֹרָאַת הַתְּשׁוּבָה עַל יְדֵי דָּוִד הַמֶּלֶךְ, וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הוּא סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁאֲמָרוֹ בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד וּבְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁהוּא יָכוֹל לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, וְלִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה עַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים כַּנַּ"ל.

יעדער קען זיך געפינען אין דעם ספר תהלים! א ספר ברוח הקודש האט אזא מין אלקות דערינען אז יעדער איינער קען זיך דארטן געפינען![כ]

א מלך - 'דוד מלך ישראל', די גאנצע וועלט האט פאר אים געציטערט! - און ער זאגט - געוויינעריי, 'תהלים בהתעוררות גדול', אָה!

---

[כ] עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד, אות ט"ז: לֹא נִמְצָא שׁוּם רָשָׁע וּבַעַל עֲבֵרָה בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יוּכַל לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּסֵפֶר תְּהִלִּים הַכּוֹלֵל כָּל בָּאֵי עוֹלָם בְּכָל הַדּוֹרוֹת וּבְכָל הַמַּדְרֵגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם מֵרֹאשׁ וְעַד סוֹף עַד תַּכְלִית הַיְרִידָה שֶׁאֵין יְרִידָה אַחֲרָיו רַחֲמָנָא לִצְלָן לְכֻלָּם הוּא מְעוֹרֵר בְּצַעֲקוֹתָיו וּתְפִלּוֹתָיו לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ.

עס איז דא א חז"ל[כא], ביינאכט האט ער אזוי הויעך געלערנט, אז אלע פלעגן אויפשטיין! אז דער מלך לערנט אזוי הויעך - ער איז דאך געווען מלך אין ירושלים - און ער שלאפט נישט ביינאכט, האט ער אלעמען אויפגעוועקט מיט זיין לערנען - אזוי הויעך האט ער געלערנט ביינאכט!

"וְעִקָּר הִזְדַּכְּכוּת שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יָ-הּ, שֶׁהֵם מ"ט אוֹתִיּוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, הָיָה בְּמִצְרַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֵצַר הַגָּרוֹן, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה עִלָּאָה (כַּמּוּבָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל, וְעַיֵּן שָׁם וְהָבֵן הֵיטֵב). וְעַל כֵּן אַחַר שֶׁנִּזְדַּכְּכוּ שָׁם בְּמִצְרַיִם וְזָכוּ לָצֵאת מִשָּׁם, סָפְרוּ מ"ט יְמֵי הַסְּפִירָה, שֶׁהֵם כְּנֶגֶד מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת הַנַּ"ל. וּבַיּוֹם הַחֲמִשִּׁים, אָז: 'וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי' (שמות יט) - זֶה בְּחִינַת: 'וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם', בְּחִינַת הַתְּשׁוּבָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, כִּבְיָכוֹל, בְּחִינַת שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים כַּנַּ"ל".

קומט אויס, "תספרו" - אז איר וועט אפציילן די מ"ט יום, וועט זיין "חמישים יום". ווייל דאס וואס דער אויבערשטער וועט קומען צו אייך - דאס איז דער 'שער החמישים'. ווען קומט דער אויבערשטער צו אונז? אז מיר ציילן אפ די מ"ט, קומט שוין דער אויבערשטער צו אונז, איז דאך דא חמישים; דורך אונזער ציילן ווערט חמישים!

"וְזֶהוּ: 'וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ' סוֹפֵי תֵבוֹת הֵם אוֹתִיּוֹת תְּהִלִּים וְאוֹתִיּוֹת תְּשׁוּבָה. כִּי עַל יְדֵי תְּהִלִּים זוֹכִין לִתְשׁוּבָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה וְכוּ'. כִּי מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה הֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בִּשְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, הַבָּאִים מִצְרָיְמָה, לְהִזְדַּכֵּךְ שָׁם כַּנַּ"ל".

(אחד הנוכחים: שובבי"ם ליגט אויך דא, ווייל שובבי"ם ליגט אין די ווערטער: "ואלה שמות" וכו'),

יא, אוודאי - שובבי"ם[כב].

---

[כא] ירושלמי ברכות פ"א, ה"א.

[כב] עיין גם ספה"ק דברי יחזקאל (להרה"ק משינאווא) פר' שמות: ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה (א, א). הנה הר"ת מן שמו"ת בנ"י ישרא"ל הבאי"ם מצרימ"ה הוא השבי"ם. וסופי תיבות

# **אויסגעוויינטע אויגן**

**אמאל זענען געווען געוואלדיגע בעלי בכי, זיי זענען געווען נאנט צו טרערן, די ליקוטי תפילות איז געווען אויסגעוויינט אז מען האט נישט געקענט לייענען באלד, עס איז געווען אויסגעוואשן די ״תפילות״, אויסגעוואשן דעם ״תהלים״, דער ״שערי ציון״ איז געווען פול מיט טרערן, געוואלדיגע בעלי בכי געווען! א מתנה פון דעם אויבערשטן - טרערן!**

**ר׳ אברהם ר׳ נחמן׳ס האט געזאגט, ׳אין די יונגע יארן האט ער פארהאמעוועט (-פארהאמערט) די טרערן [פון זיינע אויגן] אז ער זאל נישט ווערן בלינד אינגאנצן!׳ ער האט מורא געהאט ער וועט ווערן בלינד - אזוי פיל טרערן האט ער פארגאסן פארן אויבערשטן! ער האט געהאט אזעלכע רויטע אויגן! ער האט נישט געקענט קוקן אין קיין ספר - אז ער האט געעפנט א ספר האט שוין געגאסן טרערן! נאר וואס דען, ער האט צוגעגרייט אסאך, ער האט געקענט אויף אויסעווייניג.**

**אז איך בין אנגעקומען פון ישיבה דארטן[כג], (האב איך געזעהן,) אז מען האט אים דערמאנט א סעיף קטן פונעם ש״ך - האט ער געזאגט דעם לשון פונעם ש״ך! ביי אזא הייליגער מענטש איז דער זכרון בעסער. ווייל פון וואנעט נעמט זיך ׳שכחה׳? פון זוהמא! אז א מענטש איז א הייליגער מענטש, איז דער זכרון בעסער[כד]. ער האט גוט געדענקט.**

❖

---

תהלי״ם. כי מסוגל לחטא ז״ל ר״ל. ובפרט בימי השובבים לומר תהלים. ואמרו משמו של הרב הקדוש מוהר״ר מרדכי מטשערנאבל זלה״ה שסגולה לזה להתענות בעש״ק ובשבת קודש יאמר תהלים וטוב לתיקון החטא הזה.

[כג] בראשית התקרבותו כשנסע ישר מישיבת מאקאווע-פוילן לאומן כשנפרצה מלחמת עולם הראשונה בשנת תרע״ד.

[כד] עיין ליקוטי מוהר״ן סי׳ ק״י: הַתּוֹרָה הִיא רוּחָנִיּוּת. **וַאֲשֶׁר זַךְ יָשָׁר פָּעֳלוֹ**, **וְשִׂכְלוֹ רוּחָנִי**, יָכוֹל לִתְפֹּס כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ **וְלֹא יִשְׁכַּח דָּבָר** וכו׳ עיין שם.

# ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס

**"וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל".**

מען דארף נישט ווארטן אויפן חודש אלול. איך האב געהערט, ווען ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס[כה] - ער פלעגט דאווענען מנחה ערב ראש השנה; ער ליגט אין יאַם - אז ער איז דארטן נפטר געווארן, איז פאר דער פטירה זענען אריינגעקומען די חברה קדישא ער זאל זאגן וידוי. (ענה ואמר:) **"איך האב נישט געווארט מיט וידוי אויף איצטער - איך האב געהאט אלע טאג וידוי!"** - אזוי האט ער געענטפערט[כו].

**מען דארף נישט ווארטן אויף אלול - "אמירת תהלים איז מסוגל צו תשובה!".**

ער האט געזאגט אויף זיך: **"ער איז אזוי ווי א שופר; א גאנץ יאר ליגט ער אין ארון קודש, ראש השנה - בלאזט ער!"**[כז].

זיין דאווענען איז געווען א געוואלד! איך האב געהערט פון אידן וואס האבן אים נאך געהערט דאווענען - עס איז געווען אזא מין פחד ה' אין שול, מען האט מורא געהאט אויפצוהויבן די אויגן! עס איז געווען פול דער שול מיט פחד ה' פון זיין דאווענען!

רבי נתן האט געזאגט צו ר' נחמן טולטשינער: **"וואס מיינט דער רבי 'תפילה במסירות נפש'[כח] - אז דו זאלסט זיך צוהערן ווי ר' נחמן גיט א געשריי דעם**

---

[כה] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת. אביו ר' יצחק לייב היה מגדולי תלמידי רביז"ל. עיין אודותיו בטעם זקנים קונטרס ס"ה.

[כו] גם עיין טעם זקנים קונטרס ס"ה, מה שהתפאר קודם הסתלקותו: פאר זיין פטירה האט ער געזאגט צום יצר הרע: **"ואנא בשרא ואנת אש - ואנא עדיפנא מנך!"**.

[כז] עיין טעם זקנים שם: (הנוכחים: וואס האט ער געמיינט צו זאגן?) ער האט געזאגט, ווייל א גאנץ יאר - גארנישט, אַן 'ארעמאן' א 'גארנישט', ווער האט געוואוסט פון אים?!...

[כח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט"ו, סי' פ'.

**'וידבר', וועסטו זעהן ווי ער שטייט אין דער לופטן! ער שטייט נישט אויף דער ערד - ער שטייט אין דער אַויר!".**

**די גדולים ווארטן נישט אויף דעם לעצטן טאג! דער רבי רעדט דאך פון וידוי - וידוי איז א גוטע זאך, ווארטן זיי נישט אויף דעם לעצטן טאג.**

**אז דער רבי זאגט - 'אלול' און 'עשרת ימי תשובה', זאל מען דען ווארטן אויף אלול?! און א גאנץ יאר?!**

**דער רבי זאגט: "וְעַל כֵּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים".**

**דא זאגט שוין דער רבי "תמיד", דער רבי זאגט שוין נישט נאר 'אלול'.**

**"כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ".**

(ר' משה: ווען האט רבי נתן געהאט צוויי שיעורים אין תהלים?) **אי אין ספירה, אי אין שובבי"ם.** (ר' משה: און אלול?) **פון אלול רעדט מען דאך שוין נישט.**

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה מרדכי רובינסאהן הי"ו | ומו"ה פנחס צבי רובינסאהן הי"ו

מעיר התורה לעיקוואד

ולאביהם מו"ה דוב אהרן יוסף רובינסאהן הי"ו - מאנסי

לרגל הולדת בניהם/נכדיו למזל טוב

מו"ה מנחם דוד לאנדא הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת נכדו אצל חתנו מו"ה יואל
שלמה זלמן קליין הי"ו למזל טוב

מו"ה אברהם אליעזר
הערשקא הי"ו
בארא פארק
לרגל אירוסי בנו כמר צבי ני"ו
למזל טוב

מו"ה אלי' פעדער הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה יונה פעדער הי"ו
בארא פארק
לרגל הכנסת בנו לעותומ"צ,
ולרגל הולדת הנכדות למזל טוב

מו"ה חיים אלעזר
מאיער הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה ראובן ווייס הי"ו
מאנסי
לרגל אירוסי בנו החה"ח שמואל
זאנוויל ני"ו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך אלטר
נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים